Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
שיקראמ, ץערעפ

Mosḳṿe, 1943

גנילירפ נופ עוווש א

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library

וועט פאַר דעם פײַנט זײַן א פארניכטנדיקע שווערד,
און פאַר דעם היימלאַנד — א געפּאַנצער פון קאַיאָרן.

אין יעדן האָרן און אין יעדער שמידערײַ,
ווּ ס'שמידט זיך טרײַ און האָפּערדיק ס'געווער דאָרט,
ווּ ס'שמעלצט אָן אופהער פאַרן סוינע זיך דאָס בלײַ,
ווּ ס'גיסן קנאָספּן אָן אַפ ביימער זיך אין גערטנער,

אין יעדן אופגעוועקטן שטראַל — ער איז שוין נאָענט;
אין יעדן אָפּגענומענעם דערפעלע — שוין איז ער;
אין גרינער כאַקי טוען וועלדער זיך שוין אָן —
אַפ שטורעמ גרייטע — רויטאַרמייִשע דיוויזיעס!

אין יעדן טראָט, אין יעדן קער פון פּאַרטיזאַן,
אין יעדן אופרײַס פון נעקאָמע פון צעשטראַלטער, —
געשווינדער, פייגל! אַפן וועג זיך איצט ניט זאַמט,
אינערגעץ דרוישיקע זיך, שטראָמען, ניט פאַרהאַלט דאָרט!

ס'האָט אייך דער מײַסטער ניט פאַרשפּעטיקט צום וואַרשטאַט,
די ערד פאַרשפּראָכן האָט דער פויער מיטן קערן —
דער פרילינג גייט ווי אַפ מילכאָמע א סאָלדאַט,
ס'בלענדט אַפ זײַן קאָפּ א רויטאַרמייִשער שטערן!

ער טראָגט די שווערד די זיגרײַכע פון פרײַהײַט,
ער טראָגט פאַרניכט דעם פײַנט אַפ אַלע וועגן.
— גייט אים אַנטקעגן! ס'וועט באַצייכענען די צײַט
מיט אים די לעצטע און אַנטשיידנדע געשלעגן.

——— ★✦★ ———

## א שוועע פון פרילינג

אין פאַנצער גאָלדענעם פון מײַקן באַגינען,
מיט שאַרפער שײַן, געשליפן ווי א שווערד,
גייט אַפן רויטן פּלאַץ א שוועע הײַנט דער פרילינג
דער אויסגעפּײַניקטער און טרויעריקער ערד,

די אָפּגעברענטע דערפער די פאַרלאָזטע,
די גערטנער די דערשלאָגענע, די אָפּגעצערטע שטעט,

א שוועע מיט די אופרײַסן די ראַשיקע פון קנאָספּן,
מיט בליט מיט שוימיקן, באַפרײַטן ווי פון פּלעט.

— פאַרנעם זי, רוים פון אַלע קאָנטינענטן,
געצייכנטער מיט בלוט פון שכיטע אָפּן האַלדז,
און ווידערהאָל זי הויך מיט צאָרן פון צעפּענטונג,
און ווידערהאָל זי בייז מיט פײַער אינעם האַרצן!

— זין פון דער ערד, וואָס דעם פאַרשטאַנד האָבן געפּלאַנצט דאָ
און אים יאָרטויזנטן געפירט צו ליכט — אַרויף,
שטייט קעגן כּישעף אויף מיט גרויזאַמען געפּאַנצער,
קעגן פאַרדאַרבער קעגן בלוטיקן, — שטייט אויף!

— זין פון דער ערד, צו בליִונג אויפגעוועקט וואָס האָבן
א יעדן זומפּ, א יעדן טאָל, א יעדן באַרג,
הייבט אויף א שווערד קעגן דעם קאַברען פון אייראָפּע,
וואָס גייט פאַרוויסטן אײַער מי און אײַער פּראַכט!

עפּנט, ווי קוואָרים, טײַכן, זיך פאַר אים אויף,
באַווילקט, גרונטן, ניט קיין אָרט פאַר זײַן געדעק;
ניט אויפשײַנען פאַר אים קיין שטערן וועט אין הימל,
ניט בליִען וועט פאַר אים קיין גרעזל אויף דער ערד!

זאָפּט אָן מיט גיפט זיך, וועלדער, ביז די קרוינען,
זאָל יעדער בוים אויף אים זיך שלײַדערן מיט דראַנג,
און גייט, פאַרניכט דעם היישעריק דעם ברוינעם,
וואָס האָט די פלאַנצונגען געראָטן פון געדאַנק!

ער וועט ניט הערן דאָס געזאַנג פון נאַכטיגאַלן,
פון מײַ די בליִונג זען ניט זײַן וועט ער אימשטאַנד,
די קלאָג פון סאָווע אין די האַלב-נאַכטן וועט פאַלן
ווי א פאַרניכטנדיקע קלאָלע אויף זײַן שטאַם.

ער איז אין אש, ער איז אין בלוט, ס׳באַדאַרף קיין זון ער,
ער קוויקט מיט ראַש זיך פון פאַרגוואַלד און פון געוויין —
וועט זײַן אַזוי: ס׳וועט אים דער פרילינגדיקער דונער
דעם צריקוועגס בעטן מיט דעם אַש פון זײַן געביין!

עס גיט א שוועע הײַנט דער פרילינג דער באַפרײַטער
אויף פּלאַץ אויף רויטן דעם באַפרײַער פון דער ערד.

מיט הויכן ווידערקאָל אין אופגעוועקטע ווײַטן
די רוימען כאָזערן זי איבער און די בערג.

א רויטער שטערן אפן פרילינג אָנגעטאָן איז,
א שווערד פון פרײַהײַט און פון זיג איז אין זײַן האַנט, —
ער שטראָמט אין שטאלטנע, רוישיקע קאָלאָנעס
פון יונגע זין און טעכטער דורכן לאַנד.

ער שטראָמט א מונטערער, א שלאַכטיקער, דער פרילינג.
עס ווייסט זײַן אופגעשטראַלטער אימפעט ניט קיין צאַם
ניט אין דער לופט, ניט אפ דער ערד דער גרינער,
ניט איבער בלויע פלאַכן פונעם יאַם.

ס'בליט אומעטום דער בארג זיך און דער טאָל אויס
פון יעדן ריר זײַנעם און פון זײַן יעדן שפּאַן,
ער שטראָמט אין וואונדער-העלדישע כאַיאָלעס
אין גאָר דער וועלט — פון ראַנד צו ראַנד.

— זין פון דער ערד, צום פרילינג פון נעקאָמע!
— זין פון דער ערד, צום שלאַכטיקן פאַרזיי!
דער רויש דער ברויזיקער פון קרירעדיקע שטראָמען
שוין אומעטום פארטויבט איז פון געוויין,

וואָס טראָגט פון לענדער זיך פארפײַניקטע, געשמידטע,
און פון די הימלאָזע, פארורטיילטע צו פּײַן.
א שווע גיט דער פרילינג מיט געוויטער
אפ רויטן פלאַץ מיט בלי פון ערשטן מײַ.

פאַרנעם זי, רוים, פון אלע קאָנטינענטן,
מיט בלוט געצייכנטער פון שכיטע אפן האַלדז,
און ווידערהאָל מיט צאָרן פון צעפּענטונג,
און ווידערהאָל מיט פײַער אינעם האַרץ!

——— ★✦★ ———

## עס בליט דער בעז

פאַרזאָרגטע קוימענעס און שווארצע בערגלעך אש
און בעטלעך קינדערשע, צעשלײַדערטע דערנעבן —
ס'איז דאָ אדורכגעגאַן דער טויט מיט סרייפעדיקן ראַש,
מיט צלאָמים דורכגערוישט האָבן געפאַנצערטע באַגרעבער.